# אײנעם טאג פונעם ברית

*אין קורצן פון פריער*

*מיט 15 יאר צוריק: א בחור אין בני ברק איז אין איין שיינעם טאג נישט געזונט געווארן, און איז געלעגן אין שפיטאל עטליכע חדשים אין א שווערן מצב, מיט א אומגעהויערע שטארקייט האט זיך דער בחור'ל געשטארקט אויף זיין מצב און אליין מיטגעהאלטן יעדן פרט פון זיין געזונט צושטאנד, ער האט אראנדזשירט משמורות תהלים ביי די גדולי ישראל און אליין אסאך מתפלל געווען לרפואתו, ביז ווען דאס אומגלויבליכע האט פאסירט, און ער איז געזונט געווארן.*

*דער בחור'ל בין איך געווען...*

*און אצינד ליינט ווייטער*

## צווייטער טייל

## מיט אכט יאר צוריק:

מיט אכט יאר צוריק, געווען איז דאס דריי חדשים פאר עס איז געענדיגט געווארן פאר א מיידל אירע גאנצע צוועלף יאר, געגוי דעמאלט ווען זי איז געזעסן ביינאכט אויף א בענקל און געטון איר היימ-ארבעט, האט פלוצים דער בליי אין איר האנט אנגעהויבן צו ציטערן און ס'איז ארויספאלן...

וויפיל זי האט געוואלט פרובירן צוריק צו נעמען די בליי אין די האנט, איז דאס איר נישט געלונגען, זי האט פשוט נישט געקענט...

דאס קינד האט געשפירט א טיפע אינערליכע ווייטאג אין די האנט און דערשראקענערהייט האט זי גערופן איר מוטער, "מאמי, כ'קען נישט אויפהייבן די בליי" האט זי געזאגט "אויך קען איך נישט שרייבן דערמיט".

די דערשראקענע מאמע איז שנעל געקומען צולויפן זען וואס עס האט פאסירט, זי האט באטראכט די האנט אבער זי האט גארנישט באמערקט דערין, אבער עס איז איר קלאר געווען אז דאס קינד ווייסט וואס זי זאגט. "איך שפיר ווי עס שטעכט מיר אינעווייניג", און עס איז אויך קלאר געווען אז זי קען נישט רירן די האנט.

נאכדעם וואס מען האט איר געטראגן צום געווענליכן פאמיליע-דאקטער, וועלכער האט איר באטראכט, און אינאיינעם מיט אנדערע דאקטורים דיאגנאזירט איר מצב, און איר געמאכט עטליכע עקס-רעיס, מיט פארשידענע טעסטס, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד האט א שווערע מחלה אין די ביין פון די האנט.

א שווערע מחלה... די ווערטער האט אריינגעווארפן די עלטערן אין א שאק, זייער פעסעלע אין א שווערע מחלה, א זאך וואס מען האט ביז היינט אויף איר נישט געקלערט, א שיין קלוג געזונט קינד, און דא, א שווערע מחלה...

דאס קינד איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל, און די דאקטורים האבן גערעדט איבער אן אפעראציע, די אפעראציע אליין איז נישט געווען קיין שווערע, מען האט געגעבן גאר גוטע האפענונגען, אבער דאס לעבן נאך די אפעראציע האט אויסגעזען שרעקליך שווער...

די דאקטורים האבן איר געוואלט אראפנעמען די האנט... די איינציגסטע וועג וויאזוי עס זעט אויס מעגליך צו ראטעווען איר לעבן, אז די מחלה זאל זיך נישט פארשפרייטן איבערן גאנצן קערפער.

די עלטערן זענען ווי פארגליווערט געווארן פאר שרעק הערנדיג די ווערטער פון די דאקטורים, קוים וואס זייער געדאנק האט פארדייעט די בשורה אז זייער עלטסטע קינד איז פלוצלונג קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק, און דא רעדט מען פון אפערירן און אראפנעמען די האנט...

אראפנעמען... מיט דעם געדאנק האבן זיי נישט געקענט שלום מאכן, דאס קינד וועט מער נישט קענען האלטן קיין בליי אין די האנט, קיין לעפל, אוי, זי וועט נישט קענען ארויפלייגן די רעכטע האנט אויף די אויגן ביי קריאת שמע... אוי, לאמיר נישט טראכטן, שרעקליך, שרעקליך...

דאס קינד האט באמערקט אז עפעס נישט גוט גייט פאר, און זי האט געוואלט וויסן וואס דא טוט זיך, זי האט אומאויפהערליך געפארשט פון די עלטערן צו וויסן די סיבה פארוואס זיי זענען אזוי צוגעלייגט, און וואס די דאקטורים זאגן זיי אלעמאל אין אן אומפארשטענדליכע שפראך.

דער פאטער - א גלייכער ערליכער איד - האט באשלאסן אז ער וועט פארן קינד אלעס דערציילן, ער וועט פון איר גארנישט באהאלטן, ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבן איר, און ער האט גענומען איר קראנקע האנט צווישן זיינע הענט און איר ליבליך געגלעט, ער האט איר דערציילט אז די ביין אין די האנט איז קראנק, און א קראנקע ביין קען מאכן גאר ערנסטע קאמפליקאציעס ווען די מחלה ווערט מער פארשפרייט איבערן קערפער, דעריבער ווילן די דאקטורים אראפנעמען די האנט...

דאס מיידל האט זיך פארקלאצט אויף איר האנט, אירע אויגן זענען געווארן ווי פארשטיינערט קוקנדיג אויף איר האנט, וואס מאנכע קלערן איר אפצוטיילן דערפון, זי האט נישט געוויינט און נישט אריינגעפאלן אין היסטעריע, "טאטי, האסט שוין געפרעגט א רב וואס צו טון?" האט זי געפרעגט מיט תמימות, "גיי פרעג א רב א תלמיד חכם וואס זיין מיינונג איז, און בעט פון אים אז ער זאל מיך אינזין האבן ביי זיינע תפילות, אפשר איז יא דא א צווייטע רפואה פאר מיין האנט אן דעם וואס מען זאל דאס דארפן אראפשניידן?

דאס תמימות און פארשטענדליכקייט פון דאס יונג קינד האבן געקאסט פארן טאטן עטליכע טרערן וואס ער האט שווערליך געקענט באהאלטן, און ער האט באשלאסן אז זי איז טאקע גערעכט, אזעלכע באשלוסן געהערן פאר גדולי תורה, און צו זיי ברויך מען זיך ווענדן און אננעמען זייערע באשלוסן.

דער טאטע איז אריבערגעפארן צו איינעם פון די צדיקי הדור (זי"ע) און זיך מיט אים

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.

**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

דורכגערעדט, און געהערט פון אים א ווארעמע ברכה מיט א הבטחה "דער אייבערשטער וועט איר שיקן א רפואה שלימה!".

אזוי רעדנדיג גיט זיך דער רבי א כאפ ביי די בארד "הער נאר, מיט א האלבע יאר צוריק איז ביי מיר געווען הרב ח. ווייסבערג, ער איז א גרויסער עקספערט אין די אלע פראבלעמען בפרט אין די ביינער קרענק, ער האט מיר דערציילט איבער א נייע צענטער וואס מען האט אויפגעשטעלט אין ניו יארק, וואס באפאסט זיך מיט נייע ערפינדונגען איבער די מחלות ביי די ביינער".

"כ'דערמאן זיך יעצט, אז איך האב אים גערופן איבער גאר א צווייטן ענין, עס האט זיך דאן געהאנדלט איבער אן אפעראציע וואס די דאקטורים האבן געוואלט מאכן ביי מיין רעבעצין (ע"ה) אויפן רוקן, ממש 'צופעליג' האט ער מיר דערציילט איבער דעם ניו יארקער צענטער וואס ווערט אויפגעבויט, כ'האב דעמאלט נישט צוזאמגעשטעלט פארוואס ער האט מיר דאס דערציילט, הערשט יעצט זע איך אז דאס איז געווען א סייעתא דשמיא, אז דארט וועט דיין טאכטער'ל אי"ה געזונט ווערן.

דער טאטע האט געפאלגט און איז זיך געגאנגען באראטן מיט הרב ווייסבערג, און הערן זיינע אנווייזונגען, דריי טאג שפעטער האט ער זיך שוין געטראפן אויפן פליגער צו די ווייטע ניו יארק, אינאיינעם מיט זיין קראנקע טאכטער'ל.

אין ניו יארק האט זיך ארויסגעשטעלט אז הרב ווייסבערג איז גערעכט געווען, עס איז טאקע נישט גרינג געווען אויך דארט, אבער דאך האבן די דאקטורים נישט באשטעטיגט אז מען מוז פטור ווערן פון די האנט, זיי האבן געטראפן מיטלען ווי אזוי צו באהאנדלען די האנט, און געבן פארשידענע 'טריעטמענטס' דאס אויסצוהיילן.

עס האט געדויערט 8 חדשים ביז זיי האבן זיך געזען צוריק פון דארטן, און דאס קינד האט געשיינט פון גליק, און מיט ביידע הענט געפאכעט אין די הייך זעענדיג איר מאמע צום ערשטן מאל נאך 8 חדשים.

דאס מיידעלע האט מען דעמאלט גערופן פעסעלע, און היינט רופט מען איר פעסל דבורה.

## דריטער טייל
## מיט איין יאר צוריק

די יארן זענען אזוי ווייטער געלאפן בייביידע אין בעסטן געזונט, טראצדעם וואס זיי האבן געוואוינט אין צוויי שטעט ווייט איינס פון צווייטן. דער בחור בצלאל חיים האט געלערנט אין א היימישע ישיבה וואו ער האט פלייסיג געלערנט ביז ער איז אנגעקומען צו די שידוכים יארן, וואס דעמאלט האט זיך ווידער אנגעהויבן די פראבלעמען...

פעסל דבורה, האט געלערנט אין א היימישע שולע, און ביי די ענדע פון די שולע יארן איז זי אויפגענומען געווארן אלס געלונגענע לערערין, אבער ווען מען האט זיך אנגעהויבן אומצוקוקן אויף שידוכים, האט מען זיך אנגעשטויסן אין א נישט לייכטן וואנט...

זייער אמאליגע טונקעלע פארגאנגענהייט איז צוריק אויפגעשווימען, ביי יעדן שידוך פארשלאג באזונדער האבן מענטשן געצויגן מיט די פלייצע, געווען קראנק?! ווער ווייסט?! אלע שכנים האבן ארויסגעהאלפן אין די געשפרעכן מען האט געציילט מיט די פינגער די שאנסן אז א מחלה זאל שפעטער צוריק קומען, אזוי אז די טעמע איז געווען ברייט באקאנט.

און די קינדער, נישט גענוג וואס זיי האבן דעמאלט מיטגעמאכט פון זייערע ליידן און פיין, האט זיך יעצט פונדאסניי אנגעהויבן די שוועריגקייטן, יעצט האבן זיי צו ליידן פון די מענטשן מיט בייזע צינגען וואס טראגן זיי אריבער ארום די שטאט.

עס לוינט זיך נישט! ווער זוכט זיך אנצוהייבן מיט אזעלכע פראבלעמען?! זי זעט אויס ווי א געזונט קינד אבער ווער ווייסט וואס טוט זיך אונטערן טיש, מען דארף שטיין ווייט. האבן מענטשן נאכאנאנד באהויפטעט און באשטעטיגט.

אבער, דער אייבערשטער פירט די וועלט...

מיט א יאר צוריק איז אפגעהאלטן געווארן א חתונה...

א חתונה וואס די שטאט האט זעלטן אמאל געזען, דער חתן בצלאל חיים און די כלה פעסל דבורה זענען געגאנגען אונטער די חופה, אלע באטייליגטע אויף די חתונה האבן געוואוסט וואס אויף די צוויי איז פאריבער, יעדער האט מיטגעהאלטן די פאסירונגען אין זיינער צייט, און אלע האבן זיך מיטגעפרייט מיט די שמחה, און געטאנצן מיטן גאנצן הארץ אויף די חתונה.

אבער, דעם אמת קען מען אויך נישט פארהוילן, א באהאלטענער זארג האט געשוועבט אין די אטמאספערע, א שרעק פונעם צוקונפט, דער אייבערשטער זאל זיכער רחמנות האבן אויף די אומשולדיגע קינדער, יעדער האט ביי די חופה געלאזט א טרערעלע אז השי"ת זאל שוין רחמנות האבן אויף די יונג פארפאלק אז פון היינט און ווייטער זאל זיי שוין זיין גוט, און זיי זאלן אינאיינעם זוכה זיין צו זען א שיין אידיש דור.

וואס איז געווען אויפפאלנד ביי די חתונה איז געווען דער לאנגער אויבנאן, גאר א גרויסע צאל מיט רבנים, אדמורי"ם, ראשי ישיבה און גדולי ישראל האבן אנטייל גענומען אין די חתונה, טראצדעם וואס די חתונה איז נישט געמאלדן געווארן אין קיין צייטונגען און זיי זענען נישט געווען קיין רבי'שע אייניקלעך, פונדעסטוועגן זענען די אלע גרויסע לייט, וואס זענען געווען אויף בצלאל'ס רשימה, און האבן אינאיינעם מיט אים מתפלל געווען פאר זיין געזונט, האבן זיך מיטגעפרייט מיט זיין שמחה.

אויסער דעם איז געווען מערקבאר א צאל דאקטורים און פראפעסארן וועלכע האבן נישט געוואלט פארפאסן אזא שמחה פון דעם יונגן בצלאל, וועלכער איז מיט עטליכע יאר בעפאר געווען זייער 'איינגענעמסטער' פאציענט, און מיט זיין שמייכל און לעבנס-לוסט האט ער באוויזן דאס אומגלויבליכסטע, ארויסצוגיין פון שפיטאל פריש און געזונט.

יא, אויך דער רב מיט הרב ווייסבערג זענען געטאנצן אין א רונג מיטן חתן, טראצדעם וואס דער חתן האט נישט גענוי געוואוסט ווער זיי זענען האט ער אבער יא געוואוסט אז זיי זענען היבשע מחותנים דא אויף די שמחה, און זייער טייל ביי די חתונה איז גאנץ באדייטנד.

אה, יענע נאכט, א שטארק עמאציאנאלע חתונה איז געווען.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**